# דער צווייטער בריוו פון דעם
# שליח יוחנן

1 דער זקן צו דער אויסדערווײלטער האַרינטע און
צו אירע קינדער, וועלכע איך האָב באמת ליב;
און נישט בלויז איך אַליין, נאָר אויך אַלע, וואָס
2 האָבן דערקענט דעם אמת; צוליב דעם אמת, וואָס
בלייבט אין אונדז, און וועט זיין מיט אונדז ביז אויף
3 אייביק: חסד, רחמים, שלום, זאָל זיין מיט אונדז,
פון ג־ט דעם פאָטער, און פון ישוע המשיחן דעם
זון פון דעם פאָטער, אין וואָרהאַפטיקייט און אין
ליבע.
4 איך האָב מיך זייער געפריידט, אַז איך האָב געפונען
(אייניקע) פון דיינע קינדער וואַנדלען אינעם אמת,
לויט ווי מיר האָבן באַקומען אַ געבאָט פון דעם
5 פאָטער. און איצט בעט איך דיך, האַרינטע, נישט
ווי איך וואָלט דיר געשריבן אַ ניי געבאָט, נאָר
דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט פון אָנהייב אָן,
6 אַז מיר זאָלן ליב האָבן איינס דאָס אַנדערע. און
דאָס דאָזיקע איז די ליבע: אַז מיר זאָלן וואַנדלען
לויט זיינע געבאָטן. דאָס דאָזיקע איז דאָס געבאָט,
ווי איר האָט געהערט פון אָנהייב אָן, אַז איר זאָלט
7 וואַנדלען דערין. ווייל אַ סך פאַרפירער זיינען
אַרויסגעגאַנגען אין דער וועלט אַריין, וועלכע זיינען
נישט מודה, אַז ישוע המשיח איז געקומען אינעם
פלייש. דאָס איז דער פאַרפירער און אַנטי־משיח.
8 היט זיך, אַז איר זאָלט נישט פאַרלירן, וואָס
מיר האָבן דערוואָרבן, נאָר נעמט אָפּ אַ פולן
9 שכר. יעדער איינער, וועלכער איז עובר און